**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/17/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול ערמוטיגט צו זיין געווארנט אזוי ווי שווערע וועטערס וועט אנברענגען געמישטע רעגן און מעגליכקייט פון אייז בלאקאדע פארפלייצונגען**

***פארפלייצונגען ווארענונגען זענען יעצט אין קראפט ביז פרייטאג פאר מערב ניו יארק, פינגער לעיקס, צענטראל ניו יארק, דרום טייל ראיאן, נאָרט קאנטרי און טיילן פון די הויפטשטאט ראיאן***

***ווארעמע טעמפעראטורן וועלן זיך אויפטוישן מיט קעלטערע לופט אזוי ווי שטורעם ברענגט שניי צו די נאָרט קאנטרי און מערב ניו יארק ראיאנען און פארפרוירענע רעגן און רעגן צו די דרום טיילן פון די סטעיט***

***סטעיט אגענטורן פאלגן נאך מעגליכקייט פאר אייז בלאקאדעס און שיקן ארויס רעסארסן אין לאקאציעס וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ערמוטיגט ניו יארקער זיך צו גרייטן פאר א מעגליכע אייז בלאקאדע פארפלייצונג אזוי ווי ווארעמערע טעמפעראטורן, רעגן און צולאזנדע שניי זענען ערווארטעט צו פאראורזאכן פארפלייצונגען פון לעיקס, וואסער שטרומען, טייכן און נידעריגע, פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע ראיאנען ביז פרייטאג. די גרעסטע סכנה פון אייז בלאקאדע פארפלייצונגען איז ערווארטעט דאנערשטאג ביינאכט ביז פרייטאג פאר עטליכע אָפּסטעיט ראיאנען, באזונדערס אין מערב ניו יארק, צענטראל ניו יארק, פינגער לעיקס, די דרום טייל ראיאן, מאוהאק וואלי, נאָרט קאנטרי און די הויפטשטאט ראיאן. עטליכע סטעיט אגענטורן פאלגן נאך אייז בלאקאדעס און מעגליכע אנזאמלונגען פון אייז בלאקאדעס אין די באטרעפנדע ראיאנען און שיקן ארויס רעסארסן ווי נויטיג צו פארקלענערן שאדנס פאראורזאכט דורך אייז בלאקאדעס און פארפלייצונגען. איינוואוינער אין געגנטער וועלכע זענען געוועהנטליך אויסגעשטעלט צו אייז בלאקאדע פארפלייצונגען זאלן זיך יעצט צוגרייטן און נאכפאלגן לאקאלע וועטער פאראויסזאגונגען פאר די לעצטע וועטער נייעס.

"אונזערע מאנשאפטן פאלגן נאך די וועטער אומשטענדן פאר געפארפולע אומשטענדן אזוי ווי א געמיש פון רעגן און ווארעמע טעמפעראטורן דורכאויס די קומענדיגע צוויי טעג וועלן צולאזן שניי און פאראורזאכן א מעגליכקייט פון אייז בלאקאדעס און פארפלייצונגען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די סטעיט'ס אייז בלאקאדע איינהייט (Ice Jam Task Force) האלט א נאענטע אויג אויף די אנטוויקלונגען איבער די סטעיט און זיי שטייען אין פארבינדונג מיט לאקאלע רעגירונגען צו ארויסהעלפן מיט סיי וועלכע פאטענציאלע אדער יעצטיגע אייז בלאקאדע פארפלייצונגען. איך ערמוטיג ניו יארקער אין ראיאנען וועלכע ווערן אפט פארפלייצט צו בלייבן באקאנט מיט די נייעס איבער די וועטער און צו אונטערנעמען שריט צו באשיצן זיך אליין, זייער פאמיליע און זייער פארמעגן."

אייז בלאקאדעס קענען געשעהן ווען שטיקער פון שווימנדע אייז בלאקירן א טייך אדער שטרומ'ס פלוס, פאראורזאכנדיג פארפלייצונגען, מיט די שטרום אדער אין די פארקערטע ריכטונג פון די שטרום. וואסער וואס ווערט צוריקגעהאלטן דורך בלאקירנדע אייז קענען פאראורזאכן פארפלייצונגען ווען עס פליסט צוריק

אין די פארקערטע ריכטונג, און צולאזנדע אייז צוליבווארעמערע טעמפעראטורן קענען אויך פאראורזאכן פארפלייצונגען אין די ריכטונג פון די שטרום. פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען און אייז בלאקאדעס אליין קענען פירן צו באדייטנדע שאדן צו פארמעגן, אויב זיי ווערן געלאזט אן אויפזיכט.

לאקאלע רעגירונגען זענען ערמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) פאר הילף מיט פּערמיטס נויטיג צו אוועקנעמען אייז בלאקאדעס. פאר פארלאנגען פאר עקוויפּמענט און אנדערע הילף זאלן לאקאלע רעגירונגען זיך פארבינדן מיט זייער קאונטי עמערדזשענסי מענעדזשער וועלכע וועט דורכפירן די פארלאנגען דורך די סטעיט.

א וועטער סיסטעם וועט זיך אריבערררוקן די סטעיט היינט און מארגן און מיטברענגען מיט זיך א געמיש פון שניי, רעגן, אייז און הויכע ווינטן וועלכע קענען פירן צו פאטענציאלע פארפלייצונגען, פארשווערן צו רייזן און אויסגעשפרייטע קורצשלוסן ביז פרייטאג ביינאכט. רוב ערטער וועלן זעהן ווארעמע טעמפעראטורן און רעגן וועלכע וועט פאראורזאכן אייז אין טייכן זיך צו צוברעכן, נאכגעפאלגט מיט הויכע ווינטן מיט שנעלקייטן ביז אזויפיל ווי 55 מ.פ.ש. און קילערע טעמפעראטורן וועלכע קענען פאראורזאכן געמישטע רעגן און אייזיגע ראודס. פלעצער אין מערב ניו יארק זענען אין א גרעסערע סכנה פון פארפלייצונגען, באזונדערס אין ראיאנען וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו אייז בלאקאדע פארפלייצונגען ווי צום ביישפיל די באפעלאו און קעטערעגוּס וואסער שטרומען מיט ביז אזויפיל ווי 1.5 אינטשעס פון רעגן ערווארטעט צו פאלן ביז פרייטאג ביינאכט. שנייען זיך אנזאמלנדיג ביז אזויפיל ווי 10 אינטשעס און אזוי אויך א שיכט אייז ביז אזויפיל ווי 1/10 אינטשעס זענען מעגליך אין טיילן פון די נאָרט קאנטרי ראיאן.

מערערע וועטער ווארענונגען, וואַטשעס און אדווייזאָריס זענען ארויסגעגעבן געווארן איבער די סטעיט פאר א רייע פון פאטענציאלע געפארפולע אומשטענדן ביז פרייטאג ביינאכט. פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס און פאראויסזאגונגען, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס וועבזייטל ביי https://alerts.weather.gov.

<u>**אגענטור פארברייטערונגען**</u>

**דעפּארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג**
די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation, DEC) ערמוטיגט לאקאלע רעגירונג בעאמטע צו באלד דורכפירן לאקאלע אפשאצונגען פון פאטענציאלע אייז בלאקאדעס אין פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע פלעצער און צו אוועקנעמען סיי וועלכע אייז אדער האלצערנע שטיקלעך וואס זאמלען זיך אן. DEC פּערמיטס און באשטעטיגונג זענען נישט פארלאנגט צו אוועקנעמען שמוץ חוץ אויב די ברעגעס אדער אונטן פון די שטרוימען וועלן געשטערט ווערן דורך די פראצעדור פונעם אוועקנעמען די שמוץ און/אדער פון דאס באנוץ מיט שווערע עקוויפּמענט. לאקאלע רעגירונגען ווערן געעצה'ט זיך צו פארבינדן מיט די DEC'ס ראיאנישע פּערמיט אדמיניסטראטארן (https://www.dec.ny.gov/about/39381.html) אויב עס פארלאנגט זיך סיי וועלכע הילף אדער צו העלפן באשטימען אויב עס פארלאנגט זיך א פּערמיט.

אין פאל פון עמערדזשענסי שטייט די DEC גרייט צו באשטעטיגן עמערדזשענסי אויטאריזאציעס צו פארשנעלערן די באשטעטיגונג פון פראיעקטן אויף א שנעלערע אופן אנשטאט א באזונדערע פּערמיט פאר יעדע זאך, און אין אלגעמיין קענען די אויטאריזאציעס ארויסגעגעבן ווערן אין 24 שעה. די DEC באשטעטיגט עמערדזשענסי אויטאריזאציעס פאר אומשטענדן וועלכע ווערן באשטעטיגט צו זיין אן עמערדזשענסי באזירט אויף די באלדיגע שוץ אויף לעבן, געזונטהייט, אלגעמיינע וואוילזיין, פארמעגן אדער נאטורליכע רעסארסן. עמערדזשענסי אויטאריזאציעס ווערן ארויסגעגעבן מיט פאסיגע באדינגונגען

צו באשיצן די ענווייראמענט. נאך אינפארמאציע איז דא אויף די DEC וועבזייטל ביי https://www.dec.ny.gov/permits/96337.html.

די DEC זעצט פאר צו ארבעטן מיט נאך אגענטורן און לאקאלע רעגירונגען איבער די גאנצע סטעיט זיך צו אפרופן צו פארפלייצונגען און אייז בלאקאדעס. די DEC שיקט ארויס דראָונס צו העלפן אפשאצן די גרויסקייט פון אייז בלאקאדעס. DEC עקספערטן אידענטיפיצירן געגנטער וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען, אריינרעכנענדיג וואסער שטרוימען וואו צולאזנדע שניי און רעגן קענען פאראורזאכן שעדליכע פארפלייצונגען. די DEC פאלגט נאך פאראויסזאגונגען איבער די שטאפלען פון שטרוימען און פארפלייצונג מעסטונגען אויף שטרוימען און טייכן צו אפשאצן די סכנה פון פארפלייצונג און צו זיך אפרופן צו פאטענציאלע פארפלייצונגען וועלכע וועלן אקטיוויזירן סיי וועלכע פון די 106 פארפלייצונג קאנטראל פראיעקטן וואס די DEC האלט אויף און אפערירט איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. אין צוגאב פאלגט די DEC נאך אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונגען אין די גאנצע סטעיט באזירט אויף געפארפולע אומשטענדן, און די איינגעשטעלטע זענען גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע עמערדזשענסיס פאראורזאכט דורך פארפלייצונגען.
פאר נאך אינפארמאציע איבע רעסארסן פאר לאקאלע בעאמטע און עמערדזשענסי מענעדזשערס, באזוכט די DEC וועבזייטל ביי https://www.dec.ny.gov/lands/115140.html.

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**
דער דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services) איז גרייט צו זיך אפרופן צו פארלאנגען פאר הילף מיט א רייע מיטלען, אריינרעכנענדיג:

- איבער 1,400 דזשענערעיטארס
- איבער 1,000 פאמפס
- 17 זאמד זעקלעך מאשינען
- איבער 1.5 מיליאן זאמד זעקלעך
- איבער 35,000 פיס פון Aquadam

**טראנספארטאציע דעפּארטמענט**
די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט (Department of Transportation) איינגעשטעלטע זענען אויפן וואך און ארבעטן מיט סטעיט און לאקאלע שותפים זיך באלד אפצורופן צו סיי וועלכע פארפלייצונגען און שאדן פון הויכע ווינטן. דעפּארטמענט איינגעשטעלטע פאלגן אקטיוו נאך באקאנטע פראבלעמאטישע געגנטער און נעמען אונטער שריט ווי נויטיג צו פארמינערן פארפלייצונגען. ראיאנישע שנעלע אפרוף מאנשאפטן און טראפיק סיגנאל טעכניקער וועלן שטיין גרייט אין געגנטער וועלכע קענען פאטענציאל באטראפן ווערן, צו ביישפיל די מאוהאק וואלי, האַדסאן וואלי און לאנג איילענד. שאדן/ארומיגע אומשטענדן אפשאצונג מאנשאפטן אין מאוהאק וואלי זאמלען זיך אויך צוזאם און זענען גרייט זיך אפצורופן. פינף לאנגע-ארעם עקסקעוועיטאר טראקטארס ווערן סטראטעגיש פלאצירט אין די פאלגנדע פלעצער צו העלפן אויפברעכן פאטענציאלע אייז בלאקאדעס: ווארענסבורג, יוטיקע, האמבורג, מעלאָון און בינגהעמטאן.
דרייווער ווערן דערמאנט צו קוקן אויף NY511 בעפארן פארן אדער דורכן דאַונלאָודען די טעלעפאן עפּ. די אומזיסטע סערוויס ערלויבט באניצער צו זעהן די אומשטענדן פון די ראָוד און עס האט א ווינטער רייזע וארענונג סיסטעם מיט די לעצטע רייזע באריכטן און א קאלירן-אנגעצייכנטע מאפע אנדייטנדיג וועלכע סטעיט ראָודס זענען ריין, נאס אדער באדעקט מיט שניי. די סיסטעם גיבט פאר דרייווער א בייהילפיגע רעסארס צו באשטימען אויב עס איז געראטן צו פארן.

**טרו-וועי אויטאריטעט**

טרו-וועי אויטאריטעט (Thruway Authority) איינגעשטעלטע אינספעקטירן אקטיווערהייט אפלויף סיסטעמען און פאלגן נאך פאר פאטענציאלע פארפלייצונגען אדער אייז בלאקאדעס לענגאויס אונזער סיסטעם. די טרו-וועי אויטאריטעט האט 681 אפערעיטערס און סופערוויזערס גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע פארפלייצונג פראבלעמען איבער די גאנצע סטעיט מיט קליינע ביז מיטל-גרויסקייט עקסקעוועיטארס, שארער/זאמד טראקס, גרויסע לאָודערס און אזוי אויך רוקעוודיגע באלייכטונג פראדזשעקטארס, קלענערע דזשענערעיטארס, קלענערע פּאָמפּס און עקוויפּמענט שלעפער טרעילערס, ווי אויך שילדן און אנדערע טראפיק קאנטראל מיטלען וועלכע שטייען גרייט פאר סיי וועלכע אומוועגן אדער ראוד פארשליסונגען.

די טרו-וועי אויטאריטעט ערמוטיגט דרייווער צו דאַונלאָודען איר [טעלעפאן עפּ](#) וועלכע איז דא צו באקומען אומזיסט אויף iPhone און Android טעלעפאנען. די עפּ גיבט דרייווער דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טראפיק און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן. דרייווער קענען זיך אויפשרייבן פאר [TRANSalert](#) [אימעילס](#), וועלכע גיבן איבער די לעצטע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דעם טרו-וועי. פאר לעבעדיגע באריכטן קענען דרייווער פאַלאָווען [@ThruwayTraffic](#) אויף Twitter אדער באזוכן [thruway.ny.gov](#) צו זעהן א לעבעדיגע מאפּע וויזנדיג טראפיק אומשטענדן אויפן טרו-וועי און אנדערע ניו יארק סטעיט שאסייען.

**ניו יארק קאנאל קארפארעישען**
די ניו יארק פּאַווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) און די קאנאל קארפארעישען (Canal Corporation) האבן ארויסגעשיקט אן אייז-ברעכער שיף אויף די ערי קאנאל און אויף די מאוהאק טייך אין סקענעקטעדי קאונטי צו ברעכן אייז שיכטן צווישן Lock E-7 (ניסקאיוּנע) און Lock E-8 (ראטערדאם). די באוועגונג פון די אייז-ברעכער שיף שאפט אן אפענע קאנאל פאר אייז צו שווימען מיט די שטרום אין א פרואו צו מעגליך העלפן פארקלענערן די שעדליכע ווירקונגען פון די אייז בלאקאדעס וועלכע קענען אריינרעכענען ארטיגע פארפלייצונגען.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
ניו יארק יוטיליטיס פאלגן נאך און זענען גרייט פאר די פאטענציאלע ווירקונגען פון דעם ווינטער וועטער געשעעניש. בערך 6,150 יוטיליטי ארבייטער שטייען גרייט איבערן סטעיט צו זיך אפרופן צו עמערדזשענסיס, דורכפירן שאדן אפשאצונגען, פאררעכטן אינפראסטראקטור און צוריקברענגען סערוויס פאר קליענטן איינמאל די שטורעם גייט אריבער די סטעיט און עס איז זיכער אזוי צו טוהן. אגענטור שטאב וועלן נאכפאלגן די יוטיליטיס'ס ארבעט דורכאויס די וועטער געשעעניש און זיי וועלן פארזיכערן אז יוטיליטיס שיקן די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע זענען ערווארטעט די מערסטע באטראפן צו ווערן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
סטעיט טרופּערס וועלן נאכפאלגן טייכן און שטרומען וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו אייז בלאקאדעס און פארפלייצונגען. טרופּערס זענען גרייט צו ארויסגעשיקט ווערן אין פאל פון א פארפלייצונג.

**<u>פארפלייצונג זיכערהייט טיפּס</u>**

- לערנט אפ די זיכערסטע וועג פון אייער היים אדער ביזנעס צו הויכע, זיכערע ערד אין פאל וואס איר דארפט זיך ארויסיאגן פונדערהיים.
- אנטוויקלט א 'פאמיליע אנטלויף' פלאן און מאכט איבונגען דערויף און באשטימט א פלאץ וואו פאמיליע מיטגלידער וועלן זיך צוזאמטרעפן אויב זיי ווערן צוטיילט.

- מאכט א דעטאלירטע ליסטע – און אויך מעגליך א בילד און ווידעאו זאמלונג – פון אלע ווערטפולע חפצים, אריינרעכענענדיג באצירונגען, קליידונג און אנדערע פערזענליכע פארמעגן. האלט די ליסטע אין א פארזיכערטע פלאץ.
- לייגט אוועק אן עמערדזשענסי מאגאזין פון עסן קאנעס, מעדיצינען און ערשטע הילף סופלייס און וואסער צו טרונקן. לייגט אוועק טרונקן וואסער אין ריינע, פארמאכטע קאנטעינערס.
- פלאנירט וואס צו טוהן מיט אייערע שטוב חיות.
- האלט מיט זיך א פארטעבעל ראדיאו, פלעשלייטס, עקסטערע באטעריעס און עמערדזשענסי קאכן עקוויפמענט.
- האלט אייער קאר אנגעפילט מיט גאז. אויב לעקטער איז אפגעהאקט, איז מעגליך אז גאזאלין סטאנציעס וועלן נישט קענען פאמפן ברענשטאף פאר עטליכע טעג. האלט א קליינע דיזעסטער סופליי פעקל אין די טראַנק פון אייער קאר.
- געפונט אויס וויפיל פיס אייער פראפערטי איז העכער און נידעריגער פון מעגליכע פארפלייצונג שטאפלען. ווען ערווארטעטע פארפלייצונג שטאפלען ווערן איינגעמאלדן, וועט איר קענען פעסטשטעלן אויב איר קענט מעגליך פארפלייצט ווערן.
- האלט מאטעריאלן ווי זאמד זעקלעך, פלייוואוד, פלאסטישע צודעקן און האלץ ביים האנט צו אפשטעלן וואסער אין פאל פון עמערדזשענסי.
- קוקט איבער אייער אינשורענס דעקונג. היים אייגנטומער'ס אינשורענס פאליסיס דעקן געוויינטליך נישט פארפלייצונג שאדנס. נאר פארפלייצונג אינשורענס קען באשיצן אייער היים קעגן פארפלייצונג שאדנס. איר קענט זיך איינהאנדלען פארפלייצונג אינשורענס אפגעזעהן פון אויב איר וואוינט אין א פלאץ וואס איז באשטימט אלץ א פארפלייצונג זאנע אדער נישט.

פאר א פולע ליסטע פון וועטער טערמינען און פאר געדאנקען וויאזוי זיך צו גרייטן בעפאר, דורכאויס און נאך א פארפלייצונג, באזוכט די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס'ס וועבזייטל ביי https://www.dhses.ny.gov/flood-safety-tips.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן